פרשת
אחרי-קדושים
שנת תשפ"ה

גליון ל'

# בהיכלא דמלכא

א טויער צום היכל
פונעם דרך החסידות

מתוך שיעוריו ושיחותיו של האדמו"ר מקאסוב זצ"ל

## קַדְּשֵׁנוּ בְּמִצְוֹתֶיךָ (ד)

### עבודת ה' פון א מצומצמ'דיגער וועלט

מיר לעבן אין א וועלט פון צמצום | **מיר קענען נישט פארשטיין דעם מושג פון אין סוף** | דעם צמצום וואס מיר זעען איז נאר פון אונזער קוקווינקל | **ביים אור אין סוף איז נישט שייך קיין צמצום** | פון די גרעסטע נפלאות הבריאה איז אז דער אור אין סוף קען זיך באהאלטן אין אזא צמצום | **כדי צו אנערקענען אז דער אויבערשטער געוועלטיגט אין יעדן צמצום דארפן מיר אויך זיין א חלק פונעם צמצום** | דער צמצום ברענגט ארויס די תשוקה פונעם אויבערשטן צו אונז | **א מענטש וואס האט א מעלה מוז עס ארויסגעבן** | מען קען נאר משפיע זיין אויף מענטשן וואס זענען א מדריגה וויניגער | **כדי מטיב צו זיין דארף קודם זיין א צמצום** | דער אויבערשטער דארף דווקא אונז מצומצמ'דיגע מענטשן

### אריינפיר

מיר האבן שוין גערעדט אז די מצוות אנטהאלטן אין זיך צוויי חלקים. איין חלק איז דער 'גוף' המצוה, דאס איז דער גשמיות'דיגער חלק אין וואס די מצוה איז מלובש, וואס דאס גיט אונז די אחיזה זיך אנצוכאפן אין דער מצוה דא אונטן אין דער גשמיות'דיגער וועלט. דער צווייטער חלק איז די 'נשמה' פון דער מצוה, דאס איז דער רוחניות'דיגער אור וואס שיינט און לייכט אויבן אין הימל אויף א רוחניות'דיגן פארנעם, און ווען מיר טוען סיי וועלכע מצוה איז דער עיקר ציל אז מיר זאלן זיך באהעפטן צום רוחניות'דיגן אור המצוה וויאזוי דאס לייכט אויבן אין הימל, וואס דאס איז למעשה דער אמת'ער טייל פון דער מצוה.

דאס זעלבע איז ביי לימוד התורה, וואס כאטש ביים לערנען דארף מען זיך מתעמק זיין אין דער הבנה פון דעם לימוד, איז אבער דער עיקר תכלית פונעם לימוד התורה צו דער דביקות בה' וואס עס ברענגט, און א איד וואס לערנט דארף האלטן אין קאפ אז זיין חשיבות אלס למדן איז ווייל ער איז זוכה זיך מדבק צו זיין אין דעם נותן התורה.

וועלן מיר יעצט ווייטער פארזעצן אריינצוטראכטן אין דעם עצם ענין: וויאזוי טאקע ווערן מיר באהאפטן צום אויבערשטן דורך א מצוה און וואס ליגט אזוי ספעציעל אין א מצוה אז דאס טוט אונז באהעפטן צום אויבערשטן? דורכדעם וועלן מיר בעז"ה אנקומען צו פארשטיין וועלכע מצוה עס מאכט אונז א שטארקערן חיבור, א מצות עשה אדער א לא עשה, און פארוואס טאקע.

### א

## דער וואונדער וואס ליגט אונטער צמצום

### מיר האבן נישט קיין השגה אין דער בריאה

דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט מיט'ן ציל אז מיר אידן זאלן אים דינען און דערמיט ווערן נאנט צו אים. אבער כדי מיר זאלן קענען עטוואס פארשטיין וויאזוי די עבודת ה' טוט נענטער ברענגען דעם מענטש צום אויבערשטן, וועלן מיר קודם אביסל ארומרעדן וואס עס שטייט אין די ספרים הקדושים איבער דעם תכלית פון בריאת העולם.

ווי עס פארשטייט זיך מוז מען מקדים זיין עפעס וואס מיר האבן שוין מערערע מאל אויסגעשמועסט, אז **למעשה האבן מיר נישט קיין השגה** אין דעם גאנצן ענין פון בריאת העולם, און באמת קען נישט קיין שום בשר ודם דאס משיג זיין בכלל, וויבאלד סוף כל סוף איז דאך **"פליאה דעת ממני נשגבה לא אוכל לה"** (תהלים קלט, ו), און וואס מיר רעדן נאר איז נישט מער ווי א משל צו א משל ווי ווייט אונזער שכל קען יא פארשטיין. די מטרה איז נישט ח"ו אריינצוקריכן אין די הייקעלע ענינים פון "מה למעלה ומה למטה, מה לפנים ומה לאחור", וואס די גמרא (חגיגה יא:) זאגט אז מען טאר נישט אריינטראכטן דערין און אז אויב א מענטש לייגט זיך אריין אין די באהאלטענע זאכן פון די 'סודות הבריאה' ווילאנג ער איז נאכנישט ראוי דערצו קען דאס אים ח"ו שאטן.

פונדעסטוועגן ווערט אסאך ארומגערעדט אין די ספרים הקדושים, בפרט אין די ספרי חסידות

> **דער גאנצער מושג פון 'אין סוף' איז עפעס וואס א גשמיות'דיגער מענטש קען בכלל נישט באגרייפן, ווייל די גשמיות'דיגע וועלט איז באזירט אויף 'צמצום', איינגעצוימטקייט.**

פון תלמידי בעל שם טוב הקדוש, געוויסע נקודות וואס ווערן געברענגט אין זוהר הקדוש און אין ספרי קבלה איבער דעם וועג וויאזוי דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט, און דער עיקר מטרה מיט דעם איז כדי מיר זאלן לערנען וואס עס איז וויכטיג פאר אונז צו וויסן איבער וואס דער אויבערשטער פאדערט פון אונז, און וויאזוי מיר קענען זיך מער און מער באהעפטן צו אים, וואס דאס איז דאך דער עיקר ציל פארוואס ער האט באשאפן די וועלט.

## גשמיות איז צמצום און דער אויבערשטער איז אַיִן סוף

אין די ספרים הקדושים באציט מען זיך צום אויבערשטן אלס דער 'אור אין סוף', וואס זיין הייליגער אור לייכט און שטראלט מיט א מורא'דיגער ליכטיגקייט אן קיין סוף, און ער גיסט א שפע אן קיין גרעניץ אזוי ווי מיר זאגן ביי אדון עולם: **"בלי ראשית בלי תכלית".** דער רבש"ע איז נישט באגרעניצט אויף קיין שום וועג, נאר ער האלט אין איין משפיע זיין ליכטיגקייט און גוטס, און עס איז נישט שייך ביים 'אין סוף' קיין שום הגבלה וואס זאל באגרעניצן דעם אור.

דער גאנצער מושג פון 'אין סוף' איז עפעס וואס א גשמיות'דיגער מענטש קען בכלל נישט פארשטיין, ווייל **די גשמיות'דיגע וועלט איז באזירט אויף 'צמצום'**, איינגעצוימטקייט. ביי בריאת העולם איז צו שטאנד געקומען די מושגים פון 'צייט' און 'פלאץ', דאס מיינט אז ס'איז דא אזא מציאות אז א זאך האט א באשטימטע 'צייט' ווען עס עקזיסטירט, און א באשטימטער 'פלאץ' וואס עס פארנעמט, וואס דארט און דעמאלט עקזיסטירט עס.

דער מענטש, זייענדיג א בריאה וואס דער אויבערשטער האט באשאפן, איז אויך מוגבל צו זיין צייט און זיין פלאץ. ער לעבט זיך אפ א קנאפע זיבעציג-אכציג יאר, העכסטנס נישט מער ווי 120 יאר, און ער איז שטענדיג באגרעניצט צו זיין גשמיות'דיגן גוף. דערפאר וועט ער קיינמאל נישט קענען משיג זיין אויף אן אמת וואס דאס מיינט "מלך חי וקים לעד ולעולמי עולמים", ווייל אין אונזער גשמיות'דיגער וועלט, וואס איז באשטימט און באגרעניצט, האט יעדער דבר גשמי א גבול וואו עס הייבט זיך אן און וואו עס לאזט זיך אויס, ממילא איז אונז אוממעגליך צו פארשטיין א מושג וואס עס איז נישטא קיין גבול און סוף דערצו (עיין כל זה ב'עץ חיים' בתחילתו וב'מבוא שערים' בראשיתו, ובעוד רבות מכתבי האר"י הקדוש והמקובלים).

## דער צמצום איז נישט באמת אויפ'ן אור אין סוף

אין די ספרים הקדושים איז מבואר אז ווען מיר זאגן אז דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט וואס מיר געפינען זיך דערין, מיינט עס נישט אז דער אויבערשטער האט באשאפן עפעס א דרויסנדיגע וועלט וואס איז אויסער אים, ווייל דאס וואלט חלילה געמיינט אז עס איז דא עפעס אויסער דעם אויבערשטן און דאס איז א זאך וואס איז בשום אופן נישט שייך.

די ספרים הקדושים ערקלערן אז **בריאת העולם איז א צמצום**, דאס הייסט אז דער אור אין סוף האט זיך כביכול באגרעניצט און האט זיך כאילו אנגעטון א באגרעניצטן לבוש פון צייט און פלאץ, אזוי ארום אז זיין ליכטיגער אור זאל אויסזען כאילו עס איז מוגבל. אבער אין דער זעלבער צייט וואס **פאר אונז קוקט טאקע אויס ווי עס איז גשמיות'דיג, איז עס באמת רוחניות**, און אין יעדן דבר גשמי ליגט דער זעלבער אור אין סוף וואס עקזיסטירט סיי פאר בריאת העולם און סיי נאכדעם. נאר די באגרעניצונג וואס מיר זעען איז בלויז א לבוש פון צמצום וואס מיר קוקן אן פונדרויסן, וויבאלד מיר אליין זענען א חלק פון דעם צמצום און אונזערע השגות זענען באגרעניצט לויט אונזער צמצום [זע תוספת נופך א'].

די משמעות פון דעם, ווי וויט מיר זענען מסוגל צו פארשטיין, איז אז אן דעם צמצום פון דעם עולם הגשמי איז **נישט פארהאן אזא מין מציאות אז א זאך האלט אן נאר פאר א געוויסער באשטימטער צייט** און עס איז נישטא אזא מין מציאות אז א זאך ענדיגט זיך אמאל. נאכמער, די גאנצע זאך אז אמאל איז געווען אזוי און יעצט איז עס אזוי איז עפעס וואס עקזיסטירט נאר אין דעם צמצום פון בריאת העולם, וואס איז נאר לויט וויאזוי מיר זעען דאס מיט אונזערע פליישיגע אויגן, אבער באמת איז דער עצם מושג פון צייט איין שטיק צמצום און עס איז נישט פארהאן אין רוחניות אזא מושג.

## וואס פעלט אויס דער גאנצער צמצום?

דער אור אין סוף באהאלט זיך אין יעדן דבר גשמי, ווייל ווי געזאגט איז א דבר גשמי נאר א חיצונית'דיגע זאך. אבער מער פון אלעם האט דער אור אין סוף אריינגעשיינט א חלק אלוקי ממעל אין יעדן איד, דאס מיינט אז דער איד האט א פיל שטארקערן אור פון דעם אין סוף, וואס דורכדעם האט ער די מעגליכקייט דורכצוברעכן אלע גרעניצן פון דעם צמצום און זיך באהעפטן דירעקט צום אור אין סוף וואס איז דער שורש פון אלעם וואס איז דא אויף דער וועלט.

ווען א איד דינט דעם אויבערשטן און איז עוסק אין עבודת ה', מיינט דאס אז ער גייט ארויס פון זיין אויסערליכן צמצום, וואס איז גשמיות, און ער איז זיך **מדבק אין דער וועלט פון רוחניות, וואס איז בעצם בכלל נישט 'תופס מקום'**. עס איז נישטא אזא מין מציאות אין רוחניות אז דאס גייט אריין נאר אין אזא און אזא געוויסן פלאץ, ווייל דאס איז דאך א צמצום וואס באגרעניצט די זאך אז נאר אזא גרויסקייט איז פאסיג פאר דער זאך, און רוחניות איז אן קיין שום באגרעניצונג פון קיין שום זאך.

דא פרעגט זיך די פשוט'ע שאלה: **וואס פעלט אויס דער גאנצער צמצום?** פארוואס זאלן מיר זיין שטעקן אין דער מצומצמ'דיגער וועלט אין א באגרעניצטן גוף, וואס איז סך הכל עפעס אן אויסערליכער חיצוניות'דיגער צמצום, און פון דארט זיך מדבק זיין צום אויבערשטן, אויב מיר קענען פון אנפאנג בלייבן דבוק אין דעם אור אין סוף?

## דורך אונזער צמצום זענען מיר מגלה דעם אויבערשטנ'ס מלוכה

דער תירוץ אויף דעם איז אז דער אויבערשטער האט געוואלט, צוליב סיבות וואס מיר קענען נישט פארשטיין ווייל זיי זענען העכער יעדן באגרעניצטן הסבר וואס א מענטש קען משיג זיין, אז **אין דער גשמיות'דיגער וועלט זאל מען אנערקענען אז אין עוד מלבדו**, און מיט דעם זאל מען באשטעטיגן אז דער באשעפער איז דער מלך מלכי המלכים איבעראל און אומעטום, ווייל ער איז העכער יעדער צייט און פלאץ, און דאס שאפט א געוואלדיגן תענוג און נחת רוח פאר'ן בורא כל עולמים.

כדי מיר זאלן קענען דערקלערן אז דער באשעפער געוועלטיגט איבעראל, אפילו אין דעם גרעסטן צמצום, האט זיך אויסגעפעלט אז **מיר**

> **דא פרעגט זיך די פשוט'ע שאלה: וואס פעלט אויס דער גאנצער צמצום? פארוואס זאלן מיר זיין שטעקן אין דער מצומצמ'דיגער וועלט אויב מיר קענען פון אנפאנג בלייבן דבוק אין דעם אור אין סוף?**

**אליין זאלן זיין א חלק פון דעם צמצום**, און עס זאל זיך קענען דאכטן אז מיר זענען חלילה אליין אויף דער וועלט, אפגעהאקט פון דעם אור אין סוף, און מיט דעם וואס מיר דינען דעם אויבערשטן פון אט דעם גשמיות'דיגן צמצום און זענען מיר מגלה אז ס'איז יא דא א בורא וואס ליגט אין דער גאנצער בריאה. אזוי באשטעטיגן מיר זיין מלוכה איבער דער גאנצער בריאה, און מיט דעם פירן מיר אויס אונזער תכלית.

מיר אנטפלעקן אז אונזער אייגענער צמצום איז א באזונדערע בריאה וואס דער אויבערשטער האט געמאכט ספעציעל פאר'ן עולם הגשמי, ווייל נאר אזוי קען די גשמיות זיך האלטן קעגן דער מורא'דיגער קדושה פון רוחניות, און אן דער באגרעניצונג וואלט די גשמיות'דיגע וועלט נישט געקענט עקזיסטירן אפילו פאר א רגע. און **באמת לאמיתו זענען מיר שטענדיג געווען, און מיר בלייבן שטענדיג, באהאפטן אין דעם אור אין סוף** (אוהב ישראל פרשת ויקהל ד"ה ויעשו; זאת זכרון פרשת דברים ד"ה פרשנו על פסוק; זרע קודש פרשת מקץ ד"ה וירא יעקב, ועוד רבות).

## דער צמצום איז נאר פון אונזער קוקווינקל

עס ווערט געברענגט אין די ספרי קבלה אז דער סדר פון דעם צמצום ביי בריאת העולם איז צוגעגאנגען מיט א השתלשלות, דאס הייסט אז דאס איז נישט געווען קיין פשוט'ע זאך פון באשאפן א וועלט און דאס איז עס, נאר עס איז צוגעגאנגען מיט איין צמצום נאכ'ן צווייטן און מיט איין עולם נאכ'ן צווייטן. **ווי נידריגער, אלץ מער צמצום**, און אזוי ביז צו דער אונטערשטער וועלט, דער 'עולם העשיה', וואס דארט איז דער אור אלוקי אזוי איינגעצוימט אז דאס קען שוין סובל זיין אונזער אויסטערליש נידריגע גשמיות. און די גשמיות איז אזוי שטארק באגרעניצט, עד כדי כך אז מען דארף זיך שטארק פארטיפן און שווער ארבעטן אויף זיך צו קענען פארשטיין אז באמת זענען מיר אלע באהאפטן צום אור אין סוף.

צו פארשטיין אויף א פשוט'ערן אופן וואס דאס באדייט צמצום, קען מען דאס צוגלייכן צו א מענטש וואס שטייט קעגן דער זון וואס

> *איז דער צמצום טאקע נאר א בדיעבד און כביכול נישט מער ווי א טעכנישע זאך וואס מוז אזוי זיין כדי די וועלט זאל קענען עקזיסטירן?*

שיינט אויף זיין קאפ מיט א מעכטיגער שיין אז ער קען עס נישט פארטראגן. וואס טוט ער? ער נעמט א דיקן גלאז וואס באשיצט זיינע אויגן פון די מעכטיגע זונשטראלן, און אזוי קען ער קוקן אויף דער זון. צומאל קען א מענטש דאס אויך נישט פארטראגן, דארף ער לייגן א שירעם וואס וועט אים גענצליך באשיצן פון דער זון, און אמאל איז דאס אויך נישט גענוג, בויט דער מענטש א גאנצע שטוב וואו ער גייט אריין און דורכ'ן פענסטער שיינט אריין די זון וואס באלייכט די שטוב. אזוי דארף ער מאכן נאך און נאך מחיצות, ביז ער וועט קענען אויסהאלטן די מעכטיגע זון-שיין וואס איז אזוי געוואלדיג גרויס.

איבריג צו זאגן אז די אלע מחיצות, דער גלאז, דער שירעם און די שטוב, זענען אלעס באגרעניצונגען וואס האלטן אפ דעם געוואלדיגן כוח פון דער זון צו שיינען אויפ'ן מענטש, אבער בעצם איז די זון נישט געווארן מיט קיין פינטל מער באגרעניצט ווי פארדעם, און זי שיינט ווייטער מיט אירע מעכטיגע שטראלן פונקט ווי פריער. דער חילוק איז נאר אז דער מענטש האט געמאכט א פלאץ ארום זיך וואס דארט זענען די זונשטראלן אסאך שוואכער ווייל עס איז מצומצם געווארן אין א פארמאכטן פלאץ וואו די זונשטראלן קומען נישט אזוי אן.

## צמצום איז פון די גרעסטע נפלאות הבריאה

דאס איז דער באדייט פונעם צמצום ביי בריאת העולם. דער אויבערשטער האט געמאכט א ספעציעלן פלאץ וואו די גשמיות'דיגע וועלט זאל קענען עקזיסטירן, אונטער א שאטן וואס צוימט איין זיין אור אין סוף, וואס נאר אזוי קען די גשמיות'דיגע וועלט האבן א קיום. איינמאל די בריאה איז באשאפן געווארן און עס עקזיסטירט שוין אזא מושג פון צמצום, קען מען שוין בשום אופן נישט קוקן אויף דער זון, **דער אור אין סוף**, אן די אלע צמצומים, אבער אוודאי איז זיין אור ווייטער דא פונקט ווי פאר דעם צמצום (כתר שם טוב אות רמ"ו; מגיד דבריו ליעקב אות קל"ד, ועוד רבות לאורך ספרי מרן הרב בעל התניא זי"ע ושאר ספרי חסידות).

דאס איז באמת דער גרעסטער וואונדער פון די נפלאות הבריאה, וואס איז א גרעסערע פלא ווי סיי וועלכן וואונדער וואס דער אויבערשטער האט באשאפן. דהיינו, כאטש וואס די גאנצע וועלט איז למעשה אנגעפילט מיט'ן אור אלוקי, וואס דאס איז די גאנצע חיות און קיום פון דער בריאה און אן דעם קען די וועלט נישט עקזיסטירן, איז אבער פונדעסטוועגן די וועלט איינגעצוימט אין א פלאץ פון גשמיות, וואס באהאלט דעם אור אלוקי אויף אזא שטארקן פארנעם ביז דאס איז ממש נישט צום דערקענען. **א מענטש דארף ביטער שווער הארעווען צו אנטפלעקן דעם אור אלוקי** וואס איז פול אין דער גאנצער בריאה, וואס דאס איז דער אמת'ער קיום פון די וועלט (יושר דברי אמת אות מ"ו; ליקוטי תורה שיר השירים ד"ה ביאור על פסוק לבבתני).

דער תכלית פון דעם צמצום איז געווען ווייל דער אויבערשטער האט געזען דעם געוואלדיגן תענוג וואס ער וועט האבן פון דעם וואס מיר מענטשן וועלן אים דינען, זייענדיג באהאלטן אין דעם צמצום וואו דער אור אלקי איז פארשטעלט, און **צוליב דעם אויסטערלישן תענוג וואס ער האט געזען אז מיר וועלן אים שאפן מיט אונזער עבודה, האט זיך געלוינט דער גאנצער צמצום** און הסתר אין וואס מיר לעבן יעצט (עבודת ישראל סוף פרשת בחוקותי, ועוד).

ב

# צמצום איז א לכתחילה

## צמצום האלט אפ די שפע פון פליסן

עס איז באוואוסט אז דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט ווייל דאס איז גוט, אזויווי עס שטייט אין פרשת בראשית אויף יעדער זאך וואס דער אויבערשטער האט באשאפן (א, יב): "וירא אלקים כי טוב", און צום סוף ווערט איבערגע'חזר'ט נאכאמאל (א לא): "וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאד". **דאס גרעסטע גוטס פאר א מענטש איז אז ער זאל זיך מדבק זיין אינעם אויבערשטן און שאפן א נחת רוח** פאר אים, וואס דאס איז דער תכלית פון בריאת העולם, 'להתענג על ה'" (שער ההקדמות דף ל"ט; דרך ה' לרמח"ל ח"א פ"ב ועוד רבות).

לויט ווי מיר רעדן יעצט האט דער אויבערשטער באשאפן די וועלט מיט א צמצום, וואס איז געווען דער איינציגער וועג וויאזוי די בריאה קען עקזיסטירן. צמצום איז דאך א באגרעניצונג, א מיטל וואס באשיצט די ברואים פון דעם אור אין סוף, און דער צמצום ברענגט אז מיר זאלן דינען דעם אויבערשטן אפילו מיר זעען נישט קלאר זיין אור אין סוף. די עבודה ברענגט א געוואלדיגן תענוג פאר'ן אויבערשטן, און לעומת זה איז דאס אויך דער גרעסטער תענוג וואס א מענטש קען האבן אויף דער וועלט.

עס קומט אויס אז **דער צמצום האלט אפ די שפע פון פליסן**, און אונזער עבודה איז זיך צוריק מדבק צו זיין צום אויבערשטן. אויב אזוי קען זיך לכאורה דאכטן אז דער צמצום איז עפעס א בדיעבד, און אז עס וואלט אסאך בעסער געווען ווען מיר זאלן קענען זיין געהעריג באהאפטן צום אור אין סוף אן קיין שום צמצום און אן קיין שום מחיצה.

**לאמיר זיך פארשטעלן אז עס איז דא א וועלטס חכם וואס יעדעס ווארט זיינס איז א בריליאנט, אבער עס איז נישטא קיינער וואס איז נייגעריג אים אויסצוהערן.**

## וויאזוי וואלט א וועלט געווען אן צמצום?

לאמיר דאס בעסער מסביר זיין:

אין אונזערע אויגן קוקט אויס אז א מענטש וואס גיסט א שפע ווייזט אז זיין גוטס האט נישט קיין גרעניץ, און אין דער סעקונדע וואס ער מאכט עפעס א צמצום, ער הייבט אן צו שפּאָרן, ער הייבט זיך אן איינצוצוימען דא און דארט, ווייזט דאס אז ער באגרעניצט זיין שפע און ברייטקייט, אז עפעס האט אים באוואויגן אפצוהאלטן זיין שפע, צי ווייל ער האט נישט גענוג צו געבן אדער ווייל ער האלט אז עס לוינט זיך אים נישט יעצט צו געבן.

לכאורה קוקט אויס אז אויב די וועלט וואלט נישט געווען געבויט מיט צמצום וואלט געווען א שפע פונעם אור אין סוף ב"ה אן קיין שום גבול, און מענטשן וואלטן באקומען די שפע אן קיין אפשטעל. מיר וואלטן שטענדיג געווען דבוק אין אור אין סוף, און ממילא וואלט אונז גארנישט געפעלט און מיר וואלטן בכלל נישט געוואוסט פון אזא זאך אז עס איז דא עפעס א חסרון. אבער יעצט, אז דער אויבערשטער האט געמאכט א צמצום, איז עס געקומען כדי צו באגרעניצן די מענטשן אז זיי זאלן וועניגער געניסן פון דער געוואלדיגער שפע.

אויב אזוי שטעלט זיך די שאלה: **איז דער צמצום טאקע נאר א בדיעבד און כביכול נישט מער ווי א טעכנישע זאך וואס מוז אזוי זיין כדי די וועלט זאל קענען עקזיסטירן?** דאס הייסט, איך פארשטיי אז אוודאי איז די וועלט באשאפן געווארן כדי צו טון גוטס מיט די ברואים, אבער כדי צו קענען באשאפן א וועלט האט זיך אויסגעפעלט אזא שווערער פראצעדור פון צמצום, וואס איז אייגנטליך נישט אזא גוטע זאך. דאס מיינט אז דער צמצום פאר זיך אליין האט נישט קיין שום ספעציעלע טובה, נאר איז א זאך וואס מוז זיין כדי די וועלט זאל קענען שטיין?

## דער צמצום איז בעצם א געוואלדיגע טובה

קודם כל דארפן מיר וויסן אז דער אמת איז טאקע כפשוטו, אז דער גאנצער בריאת העולם איז נאר וועגן איין איינציגער מטרה: ווייל 'מדרך הטוב להטיב', דער אויבערשטער וויל אונז גוטס טון, און נאר וועגן דעם האט ער באשאפן די וועלט. און אפילו דער צמצום, הגם דאס טוט אויסערליך איינצוימען די שפע פונדעסטוועגן איז דאס אליין א געוואלדיגע טובה. און לאמיר דאס מסביר זיין מיט א משל.

לאמיר זיך פארשטעלן א וועלטס עושר וואס פארמאגט ביליאנען דאלארן, ער באדט זיך אין געלט און עס פעלט אים לכאורה גארנישט, אבער עס איז נאר דא איין קלייניגקייט, אז קיינער איז נישט אינטערעסירט צו נעמען פון זיין געלט. קיינער דארף עס נישט, קיינער קוקט אים נישט ארויף צוליב דעם, און קיינער שעצט נישט זיין גרויסע פלאג און הארעוואניע צו דערגרייכן דעם פארמעגן. אויב האט ער נישט פאר וועמען צו שענקען פון זיין געלט, **האט ער דען עפעס פון זיין געוואלדיגער עשירות?!** פאר אים אליין איז דאך גענוג אז ער האט צו עסן און וואס אנצוטון, איז וואס האט ער פון דעם אז ער פארמאגט א ים מיט געלט אויב קיינער אנערקענט נישט אין דעם נוצן פון זיין עשירות?!

אזוי אויך לאמיר זיך פארשטעלן אז עס איז דא א גרויסער חכם, וואס יעדעס ווארט זיינס איז א בריליאנט, ער פארשטייט גאר טיפע מושגים מיט א געוואלדיגער גרינטליכקייט, ער קען יעדע חכמה אין דער וועלט, אבער... עס איז נישטא קיינער וואס איז נייגעריג אים אויסצוהערן. קיינער איז נישט אינטערעסירט צו הערן זיינע שיעורים און קיינער איז נישט מחשיב זיינע קלוגע געדאנקען. וועט ער דען זיין צופרידן פון זיין געוואלדיגער חכמה אויב קיינער איז נישט אינטערעסירט אין דעם? וועט דאס אים געבן אמת'ע סיפוק?

פון דעם קומען מיר אן צו פארשטיין אז אויב איינער האט עפעס א מעלה און ער קען דאס נישט ווייזן פאר אנדערע און געבן דערפון פאר א צווייטן, וועט ער נישט זיין צופרידן דערמיט. אן עושר וואס האט נישט קיין געלעגנהייט צו ווייזן זיין עשירות, איז זיין גאנצע רייכטום גארנישט ווערד, און א חכם וואס האט נישט קיין געלעגנהייט ארויסצואווייזן זיין חכמה, וועט זיין חכמה אים נישט צופרידנשטעלן. פונקט ווי א גיבור, וואס אויב האט ער נישט וואו ארויסצוקומען צו מענטשן און ווייזן זיין מעכטיגע שטארקייט האט זיין גבורה נישט קיין שום חשיבות.

נאכמער, איינער וואס האט שווער געארבעט צו דערגרייכן עפעס א מעלה און ער האט נישט קיין געלעגנהייט עס צו ניצן, מאכט עס אים בלויז הארצווייי און צער. דאס מיינט אז איינער וואס האט קונה געווען עפעס א שלימות אין סיי וועלכן הינזיכט, מוז ער עס ארויסגעבן ערגעצוואו, ער האט נישט די ברירה עס צו לאזן האלטן ביי זיך, ווייל דאס וועט אים שאפן גרויס צער און עגמת נפש.

## ווען א מענטש האט עפעס וויל ער עס מיטטיילן

לויט דעם פארשטייען מיר אז ווען איינער ניצט זיינע כשרונות מהנה צו זיין אנדערע מענטשן, טוט ער די בעסטע זאך וואס איז שייך צו טון מיט א כשרון. א מגיד שיעור וואס גיט איבער פאר זיינע תלמידים א זאפטיגן שיעור וואו ער קומט אויף מיט געשמאקע און טיפזיניגע חידושים, איז דאס נישט קיין גאוה, נאר א פשוט'ע מציאות החיים אז אזוי קומט עס. ער מוז האבן תלמידים וואס גלוסטן צו הערן זיינע חידושים, אנדערש האט זיין כוח ההסברה נישט קיין חשיבות ווייל ער האט נישט פאר וועמען דאס צו שענקען...

אזוי אויך דער גביר וואס לאזט זיך קאסטן א הון תועפות צו העלפן א מוסד אדער צו שטיצן תלמידי חכמים אא"וו, האט דער גרעסטער סיפוק פון דעם. עשירות מיינט נישט נאר אז א מענטש האט געלט, ווייל געלט אליין אן די אלע מענטשן וואס דארפן עס איז בלויז צער און עגמת נפש. **די ריכטיגע הנאה פון עשירות איז נאר ווען ער האט איינעם וואס ווארט צו באקומען פון אים דאס געלט,** און ער קען עס יענעם געבן. אט דאן ווייזט זיך ארויס זיין עשירות. ער האט נישט קיין צווייטן וועג הנאה צו האבן פון זיין עשירות, נאר דורכ'ן עס ווייזן און שענקען פאר די וואס דארפן אנקומען צו דעם.

דאס זעלבע איז אויך מיט אלע אנדערע מעלות אויף דער וועלט, אז די השלמה פון דעם איז נאר אויב מען האט פאר וועמען דאס צו שענקען און פאר וועמען דאס צו ווייזן. מען קען האבן די גרעסטע מעלות אויף דער וועלט, אבער ווילאנג מען האט נישט מיט וועמען דאס מיטצוטיילן האט דאס נאכנישט די ריכטיגע חשיבות און ווערד.

## כדי ארויסצוצייגן די מעלות דארף מען זיין מער ווערד

יעצט לאמיר פארשטיין: ווען דער גרויסער עושר וויל אויפזוכן איינעם פאר וועמען צו צייגן זיין עשירות, **וועט ער אויפזוכן אן אנדערן גרויסן עושר? זיכער אז נישט.** כאטש וואס אן אנדערער עושר איז זיינס גלייכן, וועט ער דווקא

**כאטש א מענטש האט א גרויסע הנאה ווען ער פארברענגט מיט זיינע חברים וואס זענען אזוי קלוג און געלונגען ווי אים, דארף ער נאך אלץ האבן א לעבנס-שותף.**

אויפזוכן איינעם וואס איז ארעמער פון אים, וואס יענער קען גענישן און ארויפקוקן אויף זיין עשירות, אז יענער זאל דינען אלס דער פאסיגער קאנדידאט וואס קען מחשיב זיין דעם עושר'ס געלט.

דעם געדאנק טרעפן מיר אין חז"ל, וועלכע זאגן אונז (יבמות סג.): "נחית דרגא נסיב איתתא", אז א מענטש זאל זיך ארפלאזן צו א ווייב וואס איז אויף א נידריגערער דרגה פון אים. ווייל ווען א מאן וויל חתונה האבן דארף ער זיין דער וואס איז גרייט צו געבן און אוועקשענקען פון זיך, און דער איינציגער וועג וויאזוי דאס קען פאסירן איז אויב ער וועט חתונה האבן מיט א ווייב וואס איז נישט קליגער פון אים און פארשטייט נישט אלעס וואס ער פארשטייט, אזוי וועט זי האבן וואס קונה צו זיין פון אים.

לכאורה איז דאס ממש א וואונדער, ווייל פארוואס ווען עס קומט חתונה צו האבן און נעמען א לעבנס-שותף איז א מענטש גרייט צו פארקוקן אויף דעם אז ער זאל איר קענען ווייזן זיינע גרויסע מעלות וואס ער האט, און אנשטאט באגנוגנט ער זיך מיט א ווייב וואס פארשטייט נישט אין זיין געוואלדיגער חכמה וויאזוי צו פירן ביזנעס אד"ג, און ער איז מסכים צו רעדן מיט איר אויף איר שטאפל פון קלוגשאפט, וואס איז היפש אנדערש פון זיינער, אלעס נאר כדי צו פירן מיט איר אינאיינעם א פאמיליע לעבן. וואס איז פשט פון דעם?

## כדי צו קענען מטיב זיין מוז קודם זיין א צמצום

דער תירוץ איז אז כאטש א מענטש האט א גרויסע הנאה ווען ער פארברענגט מיט זיינע חברים וואס זענען אזוי קלוג און געלונגען ווי אים, דארף ער נאך אלץ האבן א לעבנס-שותף און בויען א משפחה, וואס פאר זי' קען ער שענקען פון זיין חכמה און זיין געלט. און **כדי צו האבן א שותף אין זיין לעבן, מוז זי' זיין אנדערש פון אים** און דווקא נישט האבן די זעלבע מעלות וואס ער פארמאגט, כדי זי זאל זיין גרייט מקבל צו זיין פון אים.

דאס איז טייטש אז ווען א מענטש גייט חתונה האבן וועט דאס אים בלויז זיין א חסרון אויב ער וועט חתונה האבן מיט א פרוי וואס קען ברענגען פרנסה פונקט ווי אים און זאגן דברי תורה ביים שבת-טיש פונקט ווי אים און פאַרהערן די קינדער פונקט ווי אים, ווייל דאס נעמט אוועק דעם גאנצן באדייט פון א משפחה-לעבן.

דאס זעלבע איז ביי א רבי און א תלמיד. **א רבי וויל דווקא לערנען מיט תלמידים וועלכע זענען נישט אויף זיין דרגה** און וועלכע האבן נאכנישט קונה געווען אזויפיל תורה, ווייל אזוי קען ער זיי אויסלערנען א מהלך הלימוד, און דאס אליין שאפט אים א געוואלדיגן סיפוק. אזוי אויך ביי א טאטע און א קינד, אז א טאטע וויל דווקא האבן א קינד וואס דארף צוקומען צו אים, ווייל אזוי קען ער האבן דעם געוואלדיגן תענוג אים צוצושטעלן אלע זיינע באדערפענישן. אויב דאס קינד וואלט אליין געקענט ברענגען פרנסה, ער וואלט זיך אליין געקענט קויפן יעדן שפילצייג אין געשעפט און אליין געקענט טרעפן א דירה וואו צו וואוינען, וואלט עס בכלל נישט געהאט דעם זעלבן באדייט.

אין אנדערע ווערטער, דער צמצום, וואס ווערט געשאפן ווען דער תלמיד פארשטייט וויינציגער פון דעם רבי'ן אדער ווען די פרוי פארמאגט נישט די פעאיגקייטן וואס דער מאן האט אדער ווען דאס קינד איז וויניגער טויגליך ווי דעם טאטן, איז נישט עפעס א בדיעבד וואס מ'האט נישט קיין ברירה און מען מוז לעבן דערמיט, נאר דאס איז טאקע די כוונה תחילה כדי ארויסצוברענגען די שטארקסטע כוחות פון דעם רבי'ן/מאן/טאטן.

# תוספת נופך

א] זע דאס לשון פונעם הייליגן בעל התניא זי"ע אין 'שער היחוד והאמונה' פ"ז:

"וְהִנֵּה אַף עַל פִּי שֶׁהוּא יִתְבָּרֵךְ לְמַעְלָה מֵהַמָּקוֹם וְהַזְּמַן אַף עַל פִּי כֵן הוּא נִמְצָא גַּם לְמַטָּה בְּמָקוֹם וּזְמַן וְכוּ' דְּהַיְנוּ שֶׁמַּהוּתוֹ וְעַצְמוּתוֹ יִתְבָּרֵךְ הַנִּקְרָא בְּשֵׁם אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא מָלֵא אֶת כָּל הָאָרֶץ מַמָּשׁ בִּזְמַן וּמָקוֹם... **כִּי הַכֹּל הוּא בְּחִי' מָקוֹם הַבָּטֵל בַּמְּצִיאוּת בְּאוֹר אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא הַמִּתְלַבֵּשׁ בּוֹ עַל יְדֵי מִדַּת מַלְכוּתוֹ הַמְיֻחֶדֶת בּוֹ יִת' רַק שֶׁמִּדַּת מַלְכוּתוֹ הִיא מִדַּת הַצִּמְצוּם וְהַהֶסְתֵּר לְהַסְתִּיר אוֹר אֵין סוֹף ב"ה שֶׁלֹּא יִבָּטְלוּ הַזְּמַן וְהַמָּקוֹם מִמְּצִיאוּתָם לְגַמְרֵי** וְלֹא יִהְיֶה שׁוּם בְּחִי' זְמַן וּמָקוֹם בַּמְּצִיאוּת אֲפִלּוּ לַתַּחְתּוֹנִים. וְהִנֵּה בְּמ"ש יוּבַן מ"ש אֲנִי ה' לֹא שָׁנִיתִי פִּי' שֶׁאֵין שׁוּם שִׁנּוּי כְּלָל כְּמוֹ שֶׁהָיָה לְבַדּוֹ קֹדֶם בְּרִיאַת הָעוֹלָם כָּךְ הוּא לְבַדּוֹ אַחַר שֶׁנִּבְרָא... בְּלִי שׁוּם שִׁנּוּי בְּעַצְמוּתוֹ וְכוּ' אֲבָל הקב"ה הוּא אַחְדוּת פָּשׁוּט בְּלִי שׁוּם הַרְכָּבָה וְצַד רִבּוּי כְּלָל וְאִם כֵּן ע"כ מַהוּתוֹ וְעַצְמוּתוֹ וְדַעְתּוֹ הַכֹּל דָּבָר אֶחָד מַמָּשׁ בְּלִי שׁוּם הַרְכָּבָה **וּלְפִיכָךְ כְּשֵׁם שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְשׁוּם נִבְרָא בָּעוֹלָם לְהַשִּׂיג מַהוּת הַבּוֹרֵא וְעַצְמוּתוֹ כָּךְ אִי אֶפְשָׁר לְהַשִּׂיג מַהוּת דַּעְתּוֹ רַק לְהַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שֶׁהִיא לְמַעְלָה מֵהַשֵּׂכֶל וּמֵהַשָּׂגָה שהקב"ה יָחִיד וּמְיֻחָד הוּא וְדַעְתּוֹ הַכֹּל אֶחָד מַמָּשׁ".**

ב] דער יסוד אז דער צמצום איז דער לכתחילה'דיגער וועג וויאזוי צו קענען ממלא זיין דעם רצון העליון מיט'ן באשאפן די בריאה, כדי דער אויבערשטער זאל כביכול האבן א תענוג פון אונזער עבודה אויף דער וועלט און פאר אונז משפיע זיין כל טוב, און דאס אז פון דעם צמצום אליין זעען מיר די אהבה פונעם רבש"ע צו זיינע קינדער, איז א מורא'דיגער דערהער און א נייער בליק אויף דעם ענין פון צמצום, דעריבער וועלן מיר ברענגען אפאר לשונות פון אונזערע הייליגע רבי"ס וואס זענען דאס מסביר יעדער עפ"י דרכו.

זע דאס לשון פונעם הייליגן מעזריטשער מגיד בשם דעם הייליגען בעל שם טוב, ווי עס ווערט געברענגט כמה פעמים אין די ספרי המגיד זי"ע (מגיד דבריו ליעקב, סי' ק"ב; אור תורה, שמות סי' ס"ט; אור האמת, כו.–כו:) וזל"ק:

"הַגַּם שֶׁלִּכְאוֹרָה נִרְאֶה שֶׁמַּה שֶּׁיִּשְׂרָאֵל עָלוּ בְּמַחֲשָׁבָה [קודם בריאת העולם, דהיינו שעלה לפניו ית' התענוג והשעשועים שעתיד לקבל מעבודת בני ישראל בעולם הגשמי] זוּ הִיא מִדַּת אַהֲבָה וָחֶסֶד וְתַעֲנוּג שֶׁאֲהֵבָם, וּמֵחֲמַת אַהֲבָתָם בָּרָא כָּל הָעוֹלָמוֹת, וְהַצִּמְצוּם הוּא בְּחִינַת דִּין. וְהִנֵּה בֶּאֱמֶת זֶהוּ הַפֵּרוּשׁ אַהֲבָה דּוֹחֶקֶת אֶת הַבָּשָׂר (בבא מציעא פד.) דְּהַיְנוּ שֶׁמֵּחֲמַת אַהֲבָה לְדָבָר מְצַמְצֵם אֶת עַצְמוֹ רַק לְאוֹתוֹ דָּבָר. וּבֶאֱמֶת אָמַר הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זלה"ה וְהַכֹּהֲנִים הַלְוִיִּם (יחזקאל מד, טו) שֶׁכָּל שֶׁפַע הַבָּאָה הִיא בִּשְׁנֵי בְּחִינוֹת דְּהַיְנוּ אַהֲבָה וְצִמְצוּם וְכוּ' **וְכֵן בְּצִמְצוּם הָרִאשׁוֹן הָיָה בְּחִינַת אַהֲבָה וּבְחִינַת צִמְצוּם הַכֹּל בְּפַעַם אַחַת בְּלִי פֵּרוּד כְּלָל שֶׁמֵּאַהֲבָה שֶׁאָהַב אֶת יִשְׂרָאֵל הוּא בְּעַצְמוֹ הַצִּמְצוּם כַּנַּ"ל".**

זע דאס לשון פונעם הייליגן 'קדושת לוי' (פרשת כי תשא ד"ה או יבואר י"ג מדות) וזל"ק:

"וּבִנְיַן אָב מוֹרֶה עַל הַחֵן, שֶׁיֵּשׁ לָנוּ חֵן אֵצֶל הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא. וִיבֹאַר עַל דֶּרֶךְ מָשָׁל, אִם הַתִּינוֹק מְדַבֵּר אֵיזֶה דְּבַר חָכְמָה אָז הָאָב יֵשׁ לוֹ תַּעֲנוּג וְשַׁעֲשׁוּעִים מֵהַדִּבּוּר שֶׁל הַתִּינוֹק, אֲפִלּוּ אִם הָאָב יוֹדֵעַ שֶׁזֶּה הַדִּבּוּר אֵינוֹ שֶׁלּוֹ רַק מָה שֶׁלִּמְּדַתּוֹ אִמּוֹ, **אַף עַל פִּי כֵן הָאָב מַשְׁוֶה עַצְמוֹ וּמְצַמְצֵם שִׂכְלוֹ הַזַּךְ וְהַנָּקִי אֲשֶׁר אֵין לְהַשִּׂיג בַּשֵּׂכֶל הַקָּטָן שֶׁל הַתִּינוֹק** ואפ"ה מִתְעַנֵּג הָאָב בּוֹ וּמִשְׁתַּעֲשֵׁעַ עִמּוֹ, **וְנִמְצָא הָאָב מַשְׁוֶה שִׂכְלוֹ לְשֵׂכֶל הַתִּינוֹק בִּכְדֵי לְהִשְׁתַּעֲשֵׁעַ בּוֹ, וְהַכֹּל הוּא מֵחֲמַת שֶׁהַבֵּן יֵשׁ לוֹ חֵן אֵצֶל אָבִיו מְצַמְצֵם שִׂכְלוֹ בְּשֵׂכֶל הַבֵּן.** כֵּן הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ כִּבְיָכוֹל מְצַמְצֵם כו', וְעַל הַכַּוָּנָה הַזֹּאת מְרַמֵּז מִדַּת בִּנְיַן אָב נֶגֶד מִדַּת חֵן, **כִּי מֵחֲמַת הַחֵן שֶׁיֵּשׁ לָנוּ אֵצֶל הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא מְצַמְצֵם עַצְמוֹ בְּיִשְׂרָאֵל עַם קְדוֹשׁוֹ".**

זע די קורצע אבער יסודות'דיגע ווערטער פונעם הייליגן 'יושר דברי אמת' (אות נה):

"וּכְבָר יָדוּעַ מָה שֶׁכָּתַב הָאֲרִ"י זַ"ל (עץ חיים שער י"ג פרק י"א) כִּי הַמְתָּקַת הַדִּין הוּא אֵינוֹ בְּחֶסֶד רַק בַּדִּין, **וְהוּא כִּי שֹׁרֶשׁ הַדִּין לְמַעְלָה מַעְלָה בְּגָבְהֵי מְרוֹמִים הוּא חֶסֶד גָּדוֹל,** וְהוּא עִנְיַן הַצִּמְצוּם הָרִאשׁוֹן להשי"ת לְמַעַן הִתְגַּלּוּת אַהֲבָתוֹ לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל, כַּנּוֹדָע לַהֲבָאִים בְּדַעַת ה', וּמְבֹאָר בַּכְּתָבִים שֶׁל הַקָּדוֹשׁ מו"ה דֹּב בֶּער זַ"ל, **וְהַצִּמְצוּם הִיא אַהֲבָה מַמָּשׁ וְחֶסֶד גָּדוֹל, אַף עַל פִּי שֶׁהוּא צִמְצוּם וְהוּא דִּין".**

**דאס איז כביכול א געוואלדיגער תענוג, אז דווקא ביי די באגרעניצטע און מצומצמ'דיגע ברואים קען דער אויבערשטער שענקען און ווייזן זיין געוואלדיגע שפע וואס ער גיסט אן קיין סוף.**

ג

# דעם אויבערשטנ'ס תענוג

## דער צמצום ברענגט ארויס גבורת ה'

מיט דעם קענען מיר אנהייבן צו פארשטיין דעם מורא'דיגן דערהער וואס רופט זיך צמצום. דער צמצום ביי בריאת העולם איז נישט ח"ו א צרה, אז דער אויבערשטער האט געוואלט אפהאלטן זיין שפע, און אויך **נישט סתם א טעכנישע מציאות אז דאס האט געמוזט אזוי זיין** כדי די וועלט זאל קענען האבן א קיום; נאר **אדרבה ואדרבה, דאס איז א מורא'דיגע טובה וואס דער אויבערשטער האט געטון פאר זיינע ברואים**, אז ער האט מצמצם געווען זיין אור אין סוף מיט איין צמצום נאכ'ן צווייטן, כדי דער אור אין סוף זאל נתגלה ווערן מיט דער פולסטער שטארקייט דווקא אויף אן ארט וואו עס זעט זיך אן קלאר אז מען דארף צוקומען צום אויבערשטנ'ס שפע.

דאס איז כביכול א געוואלדיגער תענוג, אז **דווקא ביי די באגרעניצטע און מצומצמ'דיגע ברואים** קען דער אויבערשטער שענקען און ווייזן זיין געוואלדיגע שפע וואס ער גיסט אן קיין סוף. ווי מיר האבן געזאגט איז דער עיקר וואו עס דערקענט זיך די מעלה פון כוח און גבורה נאר מיט'ן עס שענקען פאר די וואס דארפן צוקומען דערצו, און כביכול ביים אויבערשטן איז אויך אזוי, אז נאר דורכ'ן שענקען זיין שפע פאר די ברואים דערקענט זיך זיין גרויסקייט און כוח (אוהב ישראל פרשת תרומה ד"ה ויצקת לו; תורה אור פרשת מקץ ד"ה ענין חנוכה).

אן קיין סוף, אלעס נאר כדי אנצוקומען צו דעם געוואלדיגן תענוג פון האבן א גשמיות'דיגע וועלט וואו מענטשן זאלן אים דינען אפילו אין אזא נידריגן פלאץ.

דאס איז ממש צום שטוינען, ווייל **דאס ווייזט אז דער אויבערשטער וויל אונז האבן!** דער תענוג וואס דער אויבערשטער האט פון די מענטשן וואס דינען אים אויף א מצומצמ'דיגער וועלט, וואו מיר דארפן צוקומען צו אים אויף טריט און שריט, איז ביי אים אסאך חשוב'ער ווי ארויסצואווייזן זיין מורא'דיגן כוח און יכולת אז ער איז דער 'תקיף ובעל היכולת ובעל הכוחות כולם'. און צוליב דעם האט ער מצמצם געווען זיין מורא'דיגן כוח, כדי אנצוקומען צו דעם תענוג פון אן 'עולם הגשמי' [זע תוספת נופך ב'].

ווען א איד אויף דער וועלט טראכט אריין אז דער אויבערשטער האט אלעס באשאפן און איז בעל הבית אויף דער וועלט, מאכט ער מיט דעם אזא געוואלדיגן נחת רוח פאר'ן אויבערשטן, אז לכבוד דעם האט דער אויבערשטער כביכול מסכים געווען מוותר צו זיין פון לאזן פליסן זיין ענדלאזע שפע, ווייל דער עולם הזה איז דאך א געוואלדיגער צמצום; אלעס אבי דער איד זאל יעצט קומען און אים ממליך זיין אין אזא מצומצמ'דיגער וועלט. **כאפן מיר דען וואס דא גייט פאר?! איז דא א גרעסערער וועג וואו מיר קענען זען ווי ווייט אונזער עבודה איז באליבט ביים אויבערשטן?!**

צום שלוס פון דער הקדמה, מיר דארפן אנערקענען אז דער צמצום ביי בריאת העולם איז בלויז פאר איין איינציגער מטרה, אז עס זאל זיין א גשמיות'דיגע וועלט וואו עס זאלן זיין מענטשן וואס זאלן טון דעם רצון ה' אפילו דער אור אלוקי איז דארט אזוי באהאלטן. און טאקע אט דער צמצום, וואו מיר מענטשן דארפן צוקומען צו אים און באקומען פון זיין גוטס אויף יעדן טריט און שריט – אט דאס שאפט אים דעם גרעסטן תענוג וואס איז שייך.

און וואס איז דאס נוגע צו אונזער עבודה, בפרט מיט'ן מקיים זיין די מצוות? דאס וועט בעז"ה נאכפאלגן אינעם קומענדיגן גליון.

## דער באשעפער דארף דווקא אונז, מצומצמ'דיגע מענטשן

יעצט לאמיר אליין אריינטראכטן וויפיל גוטס עס ליגט אין דעם אז דער אויבערשטער איז כביכול גרייט געווען מצמצם צו זיין זיין אור אין סוף כדי צו האבן א נידריגע וועלט, הגם אז צוליב דעם וועט ער כביכול נישט קענען אזוי ארויסווייזן זיין געוואלדיגן כוח און השפעה



## חסיד'יש גערעדט...

תמצית החידושים ומושגים בחסידות שלמדנו במאמר זו

- **ביי בריאת העולם האט דער בורא מצמצם געווען זיין אור, וואס שיינט בעצם אן קיין ענדע און אן קיין אפשטעל.**
- אפילו נאכ'ן צמצום שיינט נאך אלץ דער אור אין סוף, נאר פון אונזער קוקווינקל זעט עס אויס ווי דער אור איז מצומצם.
- **דער צמצום איז נאר א לבוש פאר'ן אין סוף, אבער עס איז נישט קיין אמת'ע מציאות.**
- מיר מענטשן לעבן אויך אין דעם צמצום, ממילא שפירן מיר נישט שטענדיג דעם אור אין סוף.
- **מיר אידן האבן הויכע און הייליגע נשמות, אבער צוליב דעם וואס אונזער עקזיסטענץ איז באגרעניצט קענען מיר מגלה זיין מלכות שמים אין די מערסט באגרעניצטע ערטער.**
- דער צמצום איז נישט חלילה קיין שלעכטע זאך, נאר עס באלאנגט אזוי כדי די וועלט זאל קענען עקזיסטירן.
- **נישט בלויז וואס דער צמצום פעלט זיך אויס, נאר דאס איז גאר א לכתחילה שבלכתחילה!**
- א מענטש וואס האט א מעלה וואס ער קען נישט געבן דערפון פאר אנדערע, שאפט דאס אים א מורא'דיגן צער.
- **כדי א מענטש זאל קענען משפיע זיין, מוז ער האבן א צווייטן וועמען עס פעלט דאס וואס ער פארמאגט.**
- דער אויבערשטער וויל דווקא האבן ברואים וואס לעבן אין צמצום, ווייל אזוי קען ער ארויסווייזן זיין געוואלדיגע גוטס.

ארויסגעגעבן דורך
**מכון שפ"ה ברורה**
פאר הערות והארות, אדער צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל
ביטע שיקט אן אימעיל צו:
beheichala@gmail.com

**ההפצה ב'בארא פארק'**
נתנדב ע"י ידידינו העומד תמיד לימינינו
מו"ה **אליעזר דוד חיימאוויטש** הי"ו
לע"נ חי' שרה בת יקותיאל ארי' ע"ה